**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/7/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהייב פון קאנסטרוקציע אויף באפעסטיגונג פראיעקט אפצוהאלטן צוקונפטיגע פלייצונגע שאדן אין דזשעפערסאן קאונטי**

***2.4 מיליאן דאלער אויסגעטיילט צו דער ווילעדזש אָוו קלעיטאן צו אפגרעיד׳ען אפפאל-וואסער פארזאמלונג און באהאנדלונג פאבריק, העכערן פאמפ קאפאציטעט און אפהיטן פובליק געזונטהייט - אנהייב פון קאנסטרוקציע בילד צו באקומען [דא](#)***

***פראיעקט גרענט אויסגעטיילט דורך סטעיט׳ס באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט דאס אנהייבן פון קאנסטרוקציע אויף א 2.4 מיליאן דאלערדיגע פראיעקט אויסגעטיילט צו דער ווילעדזש אָוו קלעיטאן, דזשעפערסאן קאונטי, צו אדרעסירן די שאדן אנגעברענגט דורך הויכע וואסער פארקומענישן ווי אויך עלימינירן איבערפלוס צו דער סט. לאורענס טייך און העלפן פארמיידן פאטענציעלע געזונטהייט ריזיקעס. די פאנדינג איז געגעבן געווארן דורך דער סטעיט׳ס באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו, אדער REDI. דער אנפלייצונג פון דער סט. לאורענס טייך אין 2019 האט נעגאטיוו באטראפן דער ווילעדזש אָוו קלעיטאן אין אפפאל-וואסער פארזאמלונג סיסטעם און באהאנדלונגס פאבריק ווי אויך דער ריווערסייד דרייוו און איסט יוניאן סטריט פאמפ סטאנציעס, איבעלאזנדיג טיילן פון די אינפראסטרוקטור אונטער׳ן וואסער, באגרעניצנדיג די פאמפינג פעאיגקייטן, און צושטערן דעם דיסאינפעקציע פראצעס.

לינדערונג מיטלען פאר דער פראיעקט רעכענען אריין איבערטוישן די עקזיסטירנדע קלארין קאנטאקט צו א צווישנדיגע עפלוּענט סטאנציע און פארברייטערן דער פילטערישען און דיסאינפעקציע געביידע מיט גרויסע פילטערס און יו-ווי דיסאינפעקציע סיסטעמען צו באהאנדלען דעם גאנצן פליס פון דעם פאבריק. דער ריווערסייד דרייוו פאמפ סטאנציע ׳וועט-וועל׳ וועט פארברייטערט ווערן און דריי-פיט סאבמערסיבל פאמפס וועלן אינסטאלירט ווערן, מיט געהעכערטע קאפאציטעט אין דער ׳דריי-וועל׳.

"די אנגייענדע פארשריטן פון דעם REDI פראגראם איז א באווייז אויף וואס קומט פאר ווען סטעיט און לאקאלע רעגירונגען ארבעטן אינאיינעם," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך דאס צוזאמענארבעטן, מאכן מיר שטארקע באמיאונגען האנט-ביי-האנט צו פארזיכערן לאקאלע אינפראסטרוקטור ווערט איבערגעקלערט און ווידער אויסגעשטעלט כדי אז ווען צוקונפטיגע הויכע וואסער פאסירונגען וועלן פארקומען, וועלן ניו יארקערס וועלכע וואוינען לענגאויס דעם לעיק אנטעריאו און סט. לאורענס טייך זיין בעסער פארגעגרייט און באשיצט. דער ווילעדזש אָוו קלעיטאן פראיעקט וועט טון גענוי דאס דורך פארשטערקערן פובליק געזונטהייט און שאפן אויסהאלטבארע אינפראסטרוקטור צו העלפן פארזיכערן אנגייענדע צוטריט צו ריינע וואסער."

**׳דעפארטמענט און ענווייראנמענטעל קאנסערוועישן׳ קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "הויכע וואסער האט עטליכע מאל שוין געשעדיגט קריטיש-וויכטיגע אפפאל-וואסער אינפראסטרוקטור לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אנטעריאו און דער סט. לאורענס טייך. דער היינטיגער אנאנסמענט

צייכנט אפ דאס אנהייבן פון קאנסטרוקציע אויף א פראיעקט וועלכס וועט סיי פארריכטן די שאדנס וועלכע האבן געמאכט חורבנות אין דעם ווילעדזש אָוו קלעיטאן׳ס אפפאל-וואסער פארזאמלונג סיסטעם אין 2019, און סיי פארבעסערן איר באפעסטיגונג אויסצוהאלטן צוקונפטיגע אנפלייץ פאסירונגען. דורך אנגעהאלטענע אינוועסטירונגען בויעט ניו יארק׳ס REDI אויף צוריק די קאמיוניטיס, זיי צו מאכן שטערקער און בעסער.

**פרעזידענט און סי-אי-או פון ׳ענווייראנמענטאל פאסיליטיס קארפארעישען׳ (EFC) דזשאסעף ראביטא האט געזאגט,** "ארבעטן צו עלימינירן איבערפלוס אריין אין דעם סט. לאורענס טייך צוליב אנפלייץ וועט העלפן באשיצן די געזונט פון דער וואסער-וועג און ארומיגע קאמיוניטיס. דורך צושטעלן נידעריגע-קאסט פינאנצירונג און גרענטס צו ניו יארק סטעיט מוניציפאליטעטן אין שטיצע פון די REDI פראגראם קען EFC ארויסהעלפן אין דאס באשיצן קריטיש-וויכטיגע אינפראסטרוקטור וועלכסביישטייערט צו די לאנג-טערמיניגע באפעסטיגונג פון אונזערע ברעג-ליניעס."

**סטעיט סענאטארקע פעטי ריטשי האט געזאגט,** "אין לעצטערע יארן האט דער ווילעדזש אָוו קלעיטאן דורכגעלעבט ריזיגע וואוקס, צוציענדיג נייע ביזנעסער און באזוכער וואס זוכן הנאה צו האבן פון די שיינקייט פון דעם סט. לאורענס טייך. פאר די וואוקס צו קענען ווייטער אנהאלטן דארפן מיר פארזיכערן אז עס איז אין פלאץ אויסגעהאלטענע און פארלעסליכע אינפראסטרוקטור. עס דערפרייט מיר צו זען דאס אנהייבן פון די ארבעט אויף דעם פראיעקט, וועלכס וועט נישט נאר פארשטערקערן דער ווילעדזש׳ס אפפאל-וואסער סיסטעם נאר אויך באשיצן פובליק געזונטהייט און דער סט. לאורענס טייך."

**אסעמבלימאן מארק וואלציק האט געזאגט,** "אויב מיר ווילן פארזיכערן אז וואסער-ברעג קאמיוניטיס זענען גרייט צו האנדלען צוקונפטיגע אנפלייץ פאסירונגען, זענען סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין דער ראיאנישע אינפראסטרוקטור דער איינציגער וועג אפצוהאלטן ווייטערדיגע שאדנס. באפעסטיגן דער ווילעדזש אָוו קלעיטאן וואסער פארזאמלונג סיסטעם און באהאנדלונגס פאבריק און די ארומיגע פאמפ סטאנציעס וועלן באדייטנדע אויסמאכן אויף צו באשיצן פובליק געזונטהייט און האלטן ריין אונזערע וואסער-וועגן."

**דזשעפערסאן קאונטי לעגיסלאטור פארזיצער סקאט גרעי האט געזאגט,** "דורך דער REDI פראגראם האבן מיר געזען פאזיטיווע שותפות׳ן מיט ניו יארק סטעיט אגענטורן אין די ברעג-ליניע קאמיוניטיס אין דזשעפערסאן קאונטי. מיר בויען בעסער דורך די שותפות׳ן, דורך פארבעסערן און ערזעצן קריטישע פארמעגנס. אויב וועלן פארקומען נאך פארפלייצונג אינצידענטן אין דער צוקונפט וועלן דזשעפערסאן קאונטי קאמיוניטיס זיין בעסער צוגעגרייט מיט שטערקערע און מער באפעסטיגטע אינפראסטרוקטור."

**ווילעדזש אָוו קלעיטאן מעיאר נארמע זיממער האט געזאגט,** "אין נאמען פון דעם ווילעדזש אָוו קלעיטאן וויל אויך אויסדריקן אונזער דאנקבארקייט צו דער שטאב פון דער REDI פראיעקט און נ.י. סטעיט פאר׳ן אנהייבן דעם פראגראם, און ערמעגליכן דערמיט אז מיר זאלן קענען מאכן די העכסט-נויטיגע פארבעסערונגען צו אונזער אפפאל-וואסער באהאנדלונגס פאבריק. מערערע געלעגנהייטן פון דער סטעיט צו פארבעסערן אונזער אינפראסטרוקטור און טראנספארמירן אונזער היסטארישער דיסטריקט האלט ווייטער אן דאס מאכן קלעיטאן א דעסטינאציע און א געוואלדיגער פלאץ צו וואוינען און ארבעטן."

אין אפרוף צו די כסדר׳דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגן פון לעיק אנטעריאו און דער סט. לאורענס טייך איז REDI געשאפן געווארן צו העכערן די באפעסטיגונג פון שאָרליין קאמיוניטיס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, צוזאמגעשטעלט פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליענס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און

דזשעפערסאן און סט. לאורענס) זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דער REDI קאמישען האט אלאקירט 20 מיליאן דאלער פאר האומאונער הילף, 30 מיליאן דאלער צו פארבעסערן די פעסטיגקייט פון ביזנעסער, און 15 מיליאן דאלער פאר א ראיאנישע דרעדזשינג אונטערנעמונג וואס וועט בענעפיטן יעדע פון די אכט קאונטיס אין די REDI ראיאנען. די רעשט 235 מיליאן דאלער איז אלאקירט געווארן פאר לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן וועלכע אוואנסירן און שטעלן א ביישפיל פאר דעם REDI מיסיע.

זינט דאס שאפן פון דעם גאווערנער׳ס REDI פראגראם אין פרילינג 2019 זענען 133 REDI-פינאנצירטע לאקאלע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינגערעכנט 89 פראיעקטן אין דעם פלאנירונג פאזע, 18 פראיעקטן אין דער קאנסטרוקציע פאזע, און 26 פראיעקט שוין פערטיג.

פאר מער אינפארמאציע, פראיעקט פראפיילס, און REDI נייעס, דרוקט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן